NYC
Department of Social Services
HUMAN RESOURCES ADMINISTRATION

# וואס צו טון אויב אייערע EBT בענעפיטן ווערן עלעקטראניש גע׳גנב׳עט




אייערע SNAP אדער קעש הילף בענעפיטן קענען ווערן עלעקטראניש גע׳גנב׳עט אפילו אויב איר פארלירט קיינמאל נישט אייער EBT קארטל. דאס פאסירט געוועגליך דורך צוויי סארטן גניבות אנגערופן ׳סקימינג׳ און ׳פישינג׳.

**סקימינג:** גנבים לייגן א דעווייס אויף א געשעפט׳ס קארטל-אריבערפירונג מאשין וואס נעמט איבער EBT, קרעדיט, און דעביט קארטל אינפארמאציע. די גנבים נוצן די אינפארמאציע צו מאכן פאלשע קארטלעך (אנגערופן "קלאונס") און נוצן זיי צו גנב׳נען געלט פון אקאונטס. סקימינג קען פאסירן איבעראל וואו איר סווייפט אייער EBT קארטל.

**פישינג:** איז אן אנדערע סארט געדאנק וואו גנבים נארן אריין מענטשן צו קליקן אויף א לינק (געוועגליך געשיקט דורך א טעקסט אדער אימעיל) וואס ערלויבט זיי צו באקומען צוטריט צו אייער אקאונט אינפארמאציע.

## וואס זאל איך טון אויב מיינע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן?

**ערשטע שריט: באריכט אייער קארטל אלס גע'גנב'עט** (אפילו אויב אייער קארטל אליינס איז נישט גע'גנב'עט געווארן). צו באריכטן אייער קארטל אלס גע'גנב'עט, בעטן א נייע קארטל, און טוישן אייער PIN, ביטע גייט צו www.ebtedge.com אדער רופט EBT קאסטומער סערוויס אויף 888-328-6399. איר וועט נישט צוריקבאקומען קיין בענעפיטן אויב איר באריכט נישט אז אייער EBT קארטל איז גע'גנב'עט געווארן. אויב איר האט שוין באריכטעט אייער קארטל אלס גע'גנב'עט אינעם צייט פון די גניבה, דארפט איר עס נישט נאכאמאל באריכטן.

---

**צווייטע שריט: באקומט אייער EBT טראנזאקציע היסטאריע.** צו ארייננגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן, מוזט איר באריכטן די דאטום, לאקאל, און סומע פון יעדע אינדיווידועלע פאלשע טראנזאקציע (טראנזאקציעס געמאכט דורך די וועלכע האבן גע'גנב'עט אייער קארטל און נישט דורך אייך אדער אייער הויזגעזינד מיטגלידער).

### וויאזוי צו באקומען אייער EBT היסטאריע:




**ערשטע אויסוואל:** קוקט איבער אייער EBT היסטאריע אויף www.ebtedge.com אדער דורך דאונלאוד'ען די ebtEDGE מאבייל עפפ (אוועילעבל צו דאונלאוד'ען אינעם עפל עפפ געשעפט און גוגל פלעי געשעפט).

**צווייטע אויסוואל:** רופט דעם אומזיסטע EBT קאסטומער סערוויס ליניע אויף 1-888-328-6399. איר קענט הערן אייער לעצטע 10 טראנזאקציעס אויפן אויטאמאטישע מעניו, בעטן א געדרוקטע צוויי-מאנאטיגע סטעיטמענט פון אייער אקאונט היסטאריע דורך די אויטאמאטישע מעניו אדער פון א קאסטומער סערוויס פארשטייער, אדער איבערגיין אייער טראנזאקציעס צוזאמען מיט א קאסטומער סערוויס פארשטייער. פאר טראנזאקציעס וואס זענען מער פון 15 מאנאטן אלט, וועט איר מוזן רעדן צו א פארשטייער.

**דריטע שריט: גיבט אריין א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן.** איינמאל איר האט אויסגערעכנט וועלכע טראנזאקציעס זענען געשווינדלט געווארן, זענט איר גרייט אריינצוגעבן א קלעים.

עס זענען דא עטליכע וועגן אריינצוגעבן א קלעים:

1. **אנליין** אויף nyc.gov/hra איז די שנעלסטע, גרינגסטע וועג אריינצוגעבן א קלעים! מיר מוטיגן שטארק אז איר זאלט אריינגעבן א קלעים אנליין, אויב מעגליך.
2. **פאסט:** צו באקומען א פאפירענע קלעים בויגן:
   - גייט צו nyc.gov/hra און דרוקט עס ארויס
   - רופט די אינפא-ליניע (718-557-1399) און בעט אז מען זאל אייך שיקן א בויגן אויף די פאסט.
   - באזוכט אייער לאקאלע צענטער

שיקט אויסגעפולטע פאפירענע קלעים בויגנס אויף פאסט צום:

Department of Social Services
P.O. Box 02-9121
Brooklyn GPO, Brooklyn, NY 11202

*אריינגעבן א פאפירענע קלעים בויגן, איבערהויפט צו בעטן אז א בויגן זאל געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט, איז די שטאטסטע וועג, און עס קען דערפאר נעמען לענגער צו באקומען אייער קלעים און צוריקבאקומען בענעפיטן.*

3. **פערזענליך:** איר קענט באזוכן סיי וועלכע בענעפיטן צוטריט צענטער (Benefits Access Center, BAC), SNAP צענטער, אדער HASA צענטער. איר קענט טרעפן SNAP און BAC צענטערן אויף nyc.gov/hra (אונטער די 'Locations' [לאקאלן] טעב).

## ווען איר גיבט אריין א קלעים

אויסער פונעם דאטום, לאקאל, יעדע פאלשע טראנזאקציע, און סומע גע'גנב'עט, וועט איר אויך דארפן אייער **פאסט אדרעס, קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN), און די קעיס נומער פון די צייט וואס אייער גע'גנב'עטע בענעפיטן זענען געגעבן געווארן.**

אייער CIN שטייט אויף אייער פערמענאנטע EBT קארטל, און אייער קעיס נומער געפינט זיך אויף אלע מעלדונגען פון HRA, אדער אייער ACCESS HRA אקאונט (אויב איר האט איינס). אויב איר קענט נאכאלץ נישט טרעפן אייער קעיס נומער, רופט די HRA אינפאליניע (718-557-1399) אדער באזוכט אייער לאקאלע SNAP, BAC אדער HASA צענטער.




אויב מען האט גע'גנב'עט סיי SNAP און סיי קעש בענעפיטן פון אייך, מוזט איר זיי באריכטן אויפן זעלבן קלעים בויגן. עס וועלן זיין עקסטערע אפטיילונגען פונעם בויגן כדי די טראנזאקציעס זאלן זיך נישט אויסמישן.

אויפ'ן קלעים בויגן זעלבסט, וועט איר דארפן ארייגלייגן סיי די דאטומען ווען אייער SNAP און/אדער קעש בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן, און סיי די דאטום ווען איר האט באמערקט אז זיי זענען גע'גנב'עט געווארן, די טראנזאקציעס וואס זענען געשווינדלט געווארן, און אזוי אויך די סך הכל סומע גע'גנב'עט. מאכט זיכער צו האלטן אייערע SNAP און קעש בענעפיטן עקסטער און זיי נישט צאממישן אויפן בויגן.

**מאכט זיכער צו צייכענען דעם קעסטל צו באשטעטיגן אז די אינפארמאציע וואס איר האט געגעבן איז ריכטיג און פונקטליך.**
אויב איר צייכנט נישט דעם באשטעטיגונג, קען אייער קלעים בויגן נישט ווערן אנגענומען.


NYC
Human Resources Administration
Department of Social Services


@NYCHRA NYCHRA NYCHRA

BRC-1063 (Y) Rev. 07/24